ב״ה.

## פרשת דבר

בשנת תש״כ (שנת המאתיים להסתלקות הבעש״ט נ״ע) התחיל הרב יוסף הלוי וויינבערג ע״ה למסור שיעור על הראדיא בספר התניא בכל מוצש״ק. חברי ״ועד להפצת חסידות״ היו: הרה״ח ר׳ **משה פינחס הכהן** ע״ה **כ״ץ** (סבו של חתן הבר-מצוה, שעל שמו נקרא) והרה״ח ר׳ מנחם מענדל ע״ה טענענבוים, והרה״ח ר׳ יוסף הלוי ע״ה וויינבערג.

לאחרי הסתלקות הרבנית הצדקנית מרת חנה ע״ה, אמו של כ״ק אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע בשבת שובה, וא״ו תשרי ה׳תשכ״ה, הועלתה הצעה שבסוף השיעור יוסיפו רבע שעה, בה יחזרו משיחות כ״ק אדמו״ר, ורבינו אישר את ההצעה בשמחה, ואף השתתף במחצית ההוצאות, ובלשונו הק׳: ״**פלגא עלי**״, ואף הגיה כמה משיחות אלו עבור השידורים.

מאחר ובקיץ רוב השומעים היו ב׳קאנטרי׳, לא הי׳ מתקיים שיעור תניא במוצש״ק. בשנת תשכ״ז-תשל״ג וכמה שנים לאח״ז, הציע הרה״ח ר׳ משה פינחס הכהן ע״ה כ״ץ שבשבועות הקיץ ישדרו בתחנת הראדיא בהרי הקאטסקילס בניו יארק (WVOS) כל ליל ששי ויחזרו משיחות כ״ק אדמו״ר.

**סב חתן הבר-מצוה** הרה״ח ר׳ זאב יחזקאל הכהן שי׳ ואביו הרה״ח ר׳ משה פינחס הכהן ע״ה ערכו בכל מוצש״ק דשבתות הקיץ הנחה קצרה מהתוועדות השבת (שכללה חלק מההתוועדות), וברוב הפעמים חזר הרה״ח ר׳ משה פינחס הכהן ע״ה את השיחה בראדיא (ולפעמים, כשלא הי׳ יכול, הי׳ חוזר בנו ר׳ זאב יחזקאל הכהן שיחי׳).

הנחות אלו זכו להיות מוגהות (בשעתם) ע״י כ״ק אדמו״ר, ולפעמים הואיל להוסיף עליהם ציונים, הערות ומ״מ וכו׳.

*

השיחה דלקמן היא חלק מהתוועדות ש״פ מסעי, מברכים החודש מנחם-אב ה׳תשכ״ז (ההתוועדות בשלימותה נדפסה בתורת מנחם – התוועדויות כרך נ ע׳ 252-280). העתקנו השיחה עם ההגהות ובפנים החוברת צילום כתי״ק מהגהות כ״ק אדמו״ר שנכתבו בעפרון [התיקונים בעט הם של הרה״ח ר׳ משה פינחס הכהן ע״ה].

**וזאת למודעי!** שיחה זו נרשמה מלכתחילה **אך ורק** בכדי למסור אותה **בעל-פה** על הראדיא, ולכן סגנון השיחה היא בהתאם לאופן חזרתה בע״פ, ולא בסגנון שמופיע בד״כ בדפוס.

◆ ◆ ◆

מיר וועלן איצטער איבערגעבן א קיצור פון א תוכן פון אייניגע פון די שיחות קודש פון דעם פארברייינגען וואס דער רבי דער ליובאוויטשער רבי שליט״א האט פארברענגט היינטיגען שבת, שבת מברכים אב.

דער רבי שליט״א האט אין א אריכות פון נאענט צו צוויי שעה מבאר געווען אויף זיין אייגענארטיגען אופן די פירושי רש״י אויף די פסוקים אין פרשת מסעי וועלכע ריידן וועגן פטירת אהרן הכהן, און אזוי ווי היינט ראש חודש מנחם אב איז געווען די פטירה פון אהרן הכהן כמבואר בכתוב, וועלען מיר איבערגעבן פון די שיחה קדושה.

ווי שוין באוואוסט דעם רבין שליט״א׳ס דרך הלימוד אין פירוש רש״י אויף אויפווייזען ווי יעדער ווארט אין רש״י איז מדוייק, און אויסגעהאלטען מיט דעם כלל וואס רש״י אליין גיט ארויס בתחילת פירושו – אין פרשת בראשית – ״ואני לא באתי לפרש אלא פשוטו של מקרא״, אז ענינו של רש״י איז צום אלעם ערשטען אויף אויסטייטשען פשוטו של מקרא, און דערנאך קען מען זען ווי אין רש״י איז אויך פאראן ברמז ״יינה של תורה״ – פנימיות התורה, און מ׳קען דערפון אויך אפלערנען הוראות אין עבודת ה׳.

לויט דעם אופן האט דער רבי אויך מבאר געווען אויף א וואונדערליכען און טיעפען אופן די פירושי רש״י אויף די אויבענדערמאנטע פסוקים, מיר וועלען זיך באמיען איבערגעבן אייניקע נקודות פון דעם ביאור, אויף וויפיל עס איז מעגליך אין די ראמען פון א ראדיא בראדקעסט.

אויף דעם פסוק ״ויעל אהרן הכהן אל הר ההר על פי ה׳״ איז רש״י מפרש די ווערטער ״על פי ה׳ – מלמד שמת בנשיקה״.

דארפן פארשטיין: 1) וויבאלד אז אין רש״י איז דאך יעדער ווארט מדויק, איז ניט פארשטאנדיק וואס מיינט דא רש״י מיט דעם ווארט ״מלמד״, רש״י וויל דאך – לויט כמה ממפרשי רש״י דא מפרש זיין אז די ווערטער ״על פי ה׳״ מיינט דאס אז עס איז געווען דורך פי ה׳ – כביכול א נשיקה האט ער דאך געדארפט זאגן פשוט ע״פ ה׳ - בנשיקה

נאך שטארקער ווערט די קשיא, בשעת מ׳געפינט אז רש״י איז טאקע אזוי מפרש אין פרשת ברכה, וואס דארט שטייט אויף די ווערטער וועגן פטירת משה, ״על פי ה׳״ זאגט רש״י מער ניט ווי דעם ווארט ״בנשיקה״, אויב אזוי פארוואס דארף דא רש״י די אריכות ״מלמד שמת בנשיקה״?!

2) עס איז דא אזוינע מפרשי רש״י וועלכע לערנען אז רש״י קומט דא אופטאן אז דער ״על פי ה׳״ גייט סיי אויף לפניו

און סיי אויף לאחריו, ד.ה. אז סיי ווי דער פשט הכתוב אז די עלי׳ להר ההר איז געווען על פי ה׳, און סיי דער ״וימת שם״ איז געווען על פי ה׳.

מ׳קען אבער ניט זאגן אז רש״י לערנט אזוי, ווארום דרכו של רש״י איז דאך פשט – און ע״פ פשט איז **בכלל אדער** לפניו **אדער** לאחריו (עיין תרומה כה, לד בפרש״י); אויך דרך רש״י איז **פשוטו** של מקרא – גייט עס דאך אויפ׳ן **ויעל**. אויך דרך רש״י **בסגנונו** איז אויך פשטות כמדובר כמה פעמים און ניט מרמז זיין פירוש ולפרש אלע פרטים, וואלט דאך רש״י געדארפט מפרש זיין דכאן יוצא מן הכלל וקאי אלפניו ואלאחריו.

בפרט קען מען אזוי ניט לערנען, לויט דעם כלל וואס רש״י אליין גיט ארויס אין פרשת נצבים (כט, כ) אויפן פסוק ״הכתובה בספר התוֹרה הזה״, פארוואס טיילמאל שטייט ״הספר התורה הזה״ און טיילמאל שטייט ״הספר התורה הזאת״, אז עס ווענדעט זיך אן דער טראפ וואס עס איז פאראן אויף די ווערטער און דארט וואו עס איז פאראן א טפחא איז דאס מפסיק צווישען דעם ווארט און דעם טייל פסוק וועלכער קומט ווייטער,

היינט לפי זה וויבאלד אז די ווערטער ״על פי ה׳״ ענדיגט זיך (דער ווארט הוי׳ –) איז דער טראפ א טפחא **מוז מען זאגען** אז דאס איז מפסיק צווישען דעם ערשטען טייל פסוק מיט דעם ווייטערדיקען טייל פון ״וימת שם״.

האט דער רבי שליט״א מבאר געווען אז כנ״ל, גייט ״ע״פ ה׳״ – **לפניו** ויעל אהרן דער יסוד פון רש״יס אויפטו – במיתת נשיקה איז דערפון וואס דער פסוק זאגט דא ״על **פי** ה׳״, אנדערש ווי דער לשון הפסוק בכל התורה כולה בכגון זה ״כאשר **צוה** ה׳״, ווען דער פסוק וויל דערציילען אז עס איז געטאן געווארן אזוי ווי דער אויבערשטער האט געהייסען, וכבסיפור **זה עצמו** בפ׳ חוקת ״ויעש משה **כאשר צוה ה׳ ויעלו** אל הר ההר״. וואס דערפון זעט מען גלייך אז דא איז ניט דער טייטש ווי וואו עס שטייט ״כאשר **צוה** ה׳״, ווארום דער פסוק איז **משנה** מבחוקת און זאגט א אנדער לשון, אלא איז על פי דער טייטש לויט די רמזים אנווייזונגען פון דעם אויבערשטן, ניט וואס איז געווען מפורש.

ווי מ׳געפינט בא די מסעות בבהעלותך וואס דארט שטייט כו״כ, ״**על פי** ה׳ יחנו **ועל פי** ה׳ יסעו״ איז גלייך דער פסוק מפרש אז דארט איז ניט געווען קיין בפירושער ציווי פון אויבערשטען, נאר עס מיינט אז דורך די אנווייזונגען (דורך **עלית הענן** וכו׳) וואס די אידען האבען געהאט, האבען זיי געוואוסט ווען זיך אפשטעלן און ווען צו גיין ווייטער, ווי דער פסוק זאגט ״אשר ישכון הענן״, וכיו״ב

אזוי אויך געפינט מען בא יוסף׳ן, ווי דער פסוק זאגט ״**על פיך** ישק כל עמי״ מיינט דאס אויך ניט אז יוסף איז ארומגעגאנגען און געזאגט צו יעדען מצרי, נאר לויט זיינע אנווייזונגען און הוראות **וכפרש״י**: נעשים **על ידך**.

ועפ״ז יתורץ אויך אין אונזער סדרה (זעט מען אז דארט וואו עס שטייט אין פסוק ״על פי ה׳״ מיינט דאס ניט דאס זעלבע ווי ווען עס וואלט געשטאנען ״כאשר צוה ה׳״, ווי) דער פסוק זאגט בא בנות צלפחד ״ויצו משה את בני ישראל על **פי** ה׳ לאמר כן בני יוסף דוברים זה הדבר אשר צוה ה׳״, דמהו ״זה הדבר גו׳״ הרי אך זה עתה אמר כבר ויצו ע״פ ה׳ – אלא שהוי׳ ציווה לבנות צלפחד גו׳ (לעשות כטענת בני יוסף, שמזה **מובן (ונרמז)** שכן בנ״י דוברים), ולכן איז דער פסוק **משנה** דעם לשון בתחלה ״ע״פ ה׳״ **ותומ״י** ״ציווה ה׳״. זעט מען אז ״**על פי** ה׳״ איז ניט דער זעלבער טייטש ווי ״כאשר **צוה** ה׳״.

על פי זה וועט מען אויך פארשטיין דעם ביאור אין דער פירוש רש״י:

בשעת עס שטייט אין פסוק ״ויעל אהרן הכהן אל הר ההר על פי ה׳״, איז רש״י קשה – עס האט דאך געדארפט שטיין כאשר צווה ה׳ (וכבחוקת) – שהרי נצטווה ע״ז בפירוש. ומוכרח לערנען שהכוונה גם לענין שלא ציוה ה׳ בפירוש – כ״א ברמז וזה נלמד מהלי ע״פ ה׳ אז דאס קומט זאגען הפרט ״מת בנשיקה״, ווארום די אלע אנדערע פרטים וועגן פטירת אהרן, וועגען די עלי׳ להר און וועגען הפשטת הבגדים האט ה׳ אנגעזאגט בפירוש (ראה אין פ׳ חוקת), און דא זאגט דער פסוק די ווערטער ״על פי ה׳״ מוז לערנען אז דאס קומט דערציילען **א פרט נוסף** וועגען וועלכען ס׳נישט אנגעזאגט געווארען **בפירוש** – א מיתת נשיקין.

און דאס איז רש״י מדגיש ״**מלמד** שמת בנשיקה״, אז די ווערטער פון ״על פי ה׳״ קאי על כללות ד״ויעל אהרן״ קען איך אנדערש ניט לערנען אז דאס קומט להוסיף פרט שלא נתפרש – כל פרטי העלי׳ הי׳ ע״פ ה׳ – וכיון שכל הפרטים נתפרשו (עלי׳ פשיטת הבגדים כו׳) לא נשאר דערציילען אז אהרן איז געווען באופן כזה פון מיתת נשיקין, אלא אופן המיתה – ולכאורה אין זה תלוי באהרן – וג״כ הפי׳ דהי׳ ע״פ ה׳ און קיין אנדערע איז **ניט געווען** אין דערוף פארמישט, ד.ה. אן די אמצעות פון דעם מלאך המות.

מיר וועלן איצטער איבערגעבן א קיצור פון א תוכן פון איינינגע פון די שיחות קודש פון דעם פארבריינגען וואס דער רבי דער ליובאוויטשער רבי שליט"א האט פארברענגט היינטיגען שבת, שבת מברכים אב.

דער רבי שליט"א האט אין א אריכות פון נאענט צו צוויי שעה מבאר געווען אויף זיין אייגנארטיגען אופן די פירושי רש"י אויף די פסוקים אין פרשת מסעי וועלכע רעדן וועגן פטירת אהרן הכהן, ווי שוין באוואוסט דעם רבי'ן שליט"אס דרך הלימוד אין פירוש רש"י אויף אופווייזן ווי יעדער ווארט אין רש"י איז מדויק, און אויסגעהאלטן מיט דעם כלל וואס רש"י אליין גיט ארויס בתחילת פירושו - אין פרשת בראשית- "ואני לא באתי לפרש אלא פשוטו של מקרא", אז עניינו של רש"י איז צום אלעם ערשטען אויף אויסטייטשען פשוטו של מקרא, און דערנאך קען מען זען ווי אין רש"י איז אויך פאראן ברמז "יינה של תורה" - פנימיות התורה, און מ'קען דערפון אויך אפלערנען הוראות אין עבודת ה'.

לויט דעם אופן האט דער רבי אויך מבאר געווען אויף א וואונדערליכען און טיפען אופן די פירושי רש"י אויף די אויבענדערמאנטע פסוקים, מיר וועלן זיך באמיען איבערגעבן איינינקע נקודות פון דעם ביאור, אויף וויפיל עס איז מעגליך אין די ראמען פון א ראדיא בראדקעסט.

אויף דעם פסוק "ויעל אהרן הכהן אל הר ההר על פי ה'" איז רש"י מפרש די ווערטער "על פי ה'" - מלמד שמת בנשיקה".

וויבאלד אין רש"י איז דאך יעדער ווארט מדויק, איז ניט פארשטאנדיק וואס ~~איז~~ דא רש"י ~~מוסיף~~ מיט דעם ווארט "מלמד", ~~אז~~ רש"י וויל דאך דא מפרש זיין אז די ווערטער "על פי ה'" מיינט דאס אז עס איז געווען א ~~מיתת~~ נשיקה, ~~xxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxxx וואס דארף~~
~~רש"י צולייגען דעם ווארט "מלמד"?~~

נאך שטארקער ווערט די קשיא, בשעת מ'געפינט ~~הרי~~ רש"י איז מפרש אין פרשת ברכה ~~די פסוקים וועלכע רעדן~~ וועגן פטירת משה, וואס דארט שטייען אויף די ווערטער "על פי ה'" זאגט רש"י מערניט ווי "בנשיקה". אויב אזוי פארוואס דארף דא רש"י ~~מוסיף זיין דעם ווארט~~ "מלמד"?

2) עס איז דא אזוינע מפרשי רש"י וועלכע לערנען אז רש"י קומט דא אויסטאן אז דער "על פי ה'" גייט סיי אויף לפניו און סיי אויף לאחריו, ד.ה. אז סיי די עליה להר ההר איז געווען על פי ה', און סיי דער וימת שם איז געווען על פי ה'.

מ'קען אבער ניט זאגן אז רש"י לערנט אזוי, ווארום דרכו של רש"י איז דאך צו פרש אלע פרטים, וואלט דאך עס רש"י געדארפט מפרש זיין. בפרט קען מען אזוי ניט לערנען, לויט דעם כלל וואס רש"י אליין גיט ארויס אין פרשת נצבים, אויפן פסוק "הכתובה בספר התורה הזה", פארוואס איינמאל שטייט "הספר התורה הזה" און איינמאל שטייט הספר התורה הזאת", ~~ווארום~~ עס ווענדעט זיך אין דעם טראפ וואס עס איז פאראן אויף די ווערטער

און דארט וואו עס איז פאראן א פסקא איז דאס מפסיק צווישן דעם פריערדיקע ווערטער און דעם טייל פסוק וועלכער קומט ווייטער,

הייגט לפי זה וויבאלד אז אויך די ווערטער פון "על פי ה'" איז דער טראפ א פסקא מוז מען זאגען אז דאס איז מפסיק צווישן דעם ערשטען טייל פסוק מיט דעם ווייטערדיקען טייל פון "וימת שם".

האט דער רבי שליט"א מבאר געווען אז דער יסוד פון רש"י'ס פירוש איז דערפון וואס דער פסוק זאגט דא "על פי ה'", אנדערש ווי דער לשון הפסוק בכל התורה כולה "כאשר צוה ה'", וואס דערפון זעט מען גלייך אז דא איז נים דער טייטש ווי אלעמאל וואו עס שטייט "כאשר צוה ה'", ווארום דער פסוק זאגט א אנדער לשון,

ווי געפינט בא די מסעות וואס דארט שטייט "על פי ה' יחנו ועל פי ה' יסעו" איז גלייך דער פסוק מפרש אז דארט איז נים געווען קיין בפירושער ציווי פון אויבערשטען, נאר עס מיינט אז דורך וואס די אידען האבען געהאט, האבען זיי געוואוסט ווען זיך אפשטעלן און ווען צו גיין ווייטער, ווי דער פסוק זאגט "בהאריך הענן".

אזוי אויך געפינט מען בא יוסף'ן, ווי דער פסוק זאגט "על פיך ישק כל עמי" מיינט דאס אויך נים אז יוסף איז ארויסגעגאנגען צו יעדען מצרי, אויך אין אונזער סדרה זעט מען אז דארט וואו עס שטייט אין פסוק "על פי ה'" מיינט דאס נים דאס זעלבע ווי ווען עס וואלט געשטאנען "כאשר צוה ה'", ווי דער פסוק זאגט בא בנות צלפחד "ויצו משה את בני ישראל על פי ה'" און ווייטער שטייט אין פסוק "זה הדבר אשר צוה ה'", איז דערפון ווייזט דער פסוק איז משנה דעם לשון, זעט מען אז "על פי ה'" איז נים דער זעלבער טייטש ווי "כאשר צוה ה'".

עפ"י זה וועט מען אויך פארשטיין דעם ביאור אין דער פירוש רש"י:

עס איז אמתחך שטייט שוין אין פרשת חקת וועגען די פטירה פון אהרן, נאר דערציילט דאס די תורה אויך צו דערציילען וועגען מעלת משה, דא הזב"ט דאס די תורה איבער נאך אמאל, בכדי צו דערציילען וועגען די מעלות פון אהרן.

אבער בשעת עס שטייט אין פסוק די ווערטער "על פי ה'", איז רש"י מוכרח לערנען אז דאס קומט זאגען "מת בנשיקה", ווארום די אלע אנדערע פרטים וועגען פטירת אהרן, וועגען הפשטת הבגדים און וועגען די עלי' להר ווערען שוין דערציילט פריער אין פ' חקת, און דא זאגט דער פסוק די ווערטער פון "על פי ה'" לערנט רש"י אז מ'מוז לערנען אז דאס קומט דערציילען אז עס איז געווען א מיתת נשיקה, א פרט נוסף וועגען וועלכען פריער איז נאך נישט דערמאנט געווארען.

און דאס איז רש"י מדגיש "מלמד שמת בנשיקה", אז די ווערטער פון "על פי ה'" קען אין אנדערש נים לערנען נאר אז דאס קומט דערציילען אז מיתת אהרן איז געווען באופן פון מיתת נשיקין, און קיין אנדערש איז נים געווען אין דעררף פארמישט אין די אמצעות פון דעם מלאך המות.